גליון 284
בהעלותך תשפ"ו

# דעם רבי'נס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## וֶוער קֶענְן וֶוערֶען?

**מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען שָׁאקִירְט צוּ הֶערְן אִיבֶּער דִי מִיאוּסֶ'ע אוּן נִידְרִיגֶע אוֹיפְפִירוּנְג פוּן דִי גֶעלְט מְדִינָה. יֶעדֶער אַיינְוואוֹינֶער דָארְט אִיז גֶעוָוארְן גֶעמָאסְטְן לוֹיט וִויפִיל גֶעלְט עֶר הָאט פַארְמָאגְט אִין זַיין קֶעשֶׁענֶע. אַ גְבִיר מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֲשִׁירוּת הָאט בַּאקוּמֶען אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע כָּבוֹד אוּן חֲשִׁיבוּת, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט "זוֹכֶה" גֶעוֶוען צוּ פַארְדִינֶען גֶענוּג גֶעלְט, אִיז בַּיי זֵיי גָארְנִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען. מֶען הָאט זֵיי אָנְגֶעקוּקְט נִישְׁט מֶער וִוי אַ בְּהֵמָה אָדֶער אַ פוֹיגְל, אוּן מֶען הָאט זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן טִיטְל "מֶענְטְשׁ". מֶען הָאט זֵיי פָּשׁוּט גֶערוּפְן אַ חַיָּה אָדֶער אַ פוֹיגְל! אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען מֶער וֶוערְד וִוי אַ פוֹיגְל...**

**אַזוֹי אַרוּם הָאבְּן זֵיי "אָפְּגֶעשְׁנִיטְן קֶעפּ" אוּן "אָפְּגֶעהַאקְט מֶענְטְשְׁן" פּוּנְקְט וִוי מֶען שְׁנַיידְט אָפּ צְוַוייגְן פוּן בֵּיימֶער אִין אַ וַואלְד...**

**אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעלְט - בִּיסְטוּ אַ מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט קֵיין גֶעלְט - בִּיסְטוּ אַ בְּהֵמָה!**

פֶּעטֶער שְׁמַעְיָ' אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְּרַאוֶוען אַ שַׁבָּת בַּיי זַיינֶע קְרוֹבִים אִין יְרוּשָׁלַיִם, צוּ פַייעֶרְן דִי גֶעבּוּרְט פוּן זַיין עֶרְשְׁטְן אֵיינִיקְל. שְׁמֶעלְקֶע אִיז גֶעוֶוען הֶעכְסְט בַּאגַייסְטֶערְט; עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג לִיבּ גֶעהַאט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין בַּאלִיבְּטְן פֶּעטֶער שְׁמַעְיָ'. שְׁמַעְיָ' הָאט גֶעהַאט אַן אָפֶּענֶעם אוֹיעֶר אוּן זִיךְ כְּסֵדֶר נָאכְגֶעפְרֶעגְט מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע אִיבֶּערְן חֵדֶר אוּן אִיבֶּער דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִין זַיין קְלַאס. שְׁמֶעלְקֶע הָאט שׁוֹין קוֹים גֶעוַוארְט מִיט גְרוֹיס שְׁפַּאנוּנְג אַז דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶנְדִיגְן, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען שְׁפַּאצִירְן גֶעמִיטְלֶעךְ מִיט זַיין טַייעֶרְן פֶּעטֶער אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן.

גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְן וֶועג צוּם שָׁלוֹם זָכָר, הָאט שְׁמֶעלְקֶע מִיט גְרוֹיס בַּאגַייסְטֶערוּנְג דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ הָאבּ פֶּעסְטֶע חֲבֵרִים אִין מַיין כִּיתָּה, מֶערְכְטִיגֶע יוּנְגְלֶעךְ וָואס זֶענֶען עֶכְטֶע חֶבְרָה-לַייט! לְמָשָׁל, אִיצִי טְרָאגְט אַלֶעמָאל טַייעֶרֶע קְלֵיידוּנְג וָואס מְ'הָאט אִים סְפֶּעצִיעֶל גֶעקוֹיפְט אִין חוּץ לָאָרֶץ. דוּדִי הָאט אַ גַאנְצֶע בִּינְטְל מִיט שְׁלִיסְלֶעךְ, טֵייל דֶערְפוּן זֶענֶען אֲפִילוּ אֱמֶתְ'ע אוֹיטָא-שְׁלִיסְלֶעךְ! שׁוּקִי בְּרֶענְגְט מִילְכִיגֶע נַאשֶׁערַייעֶן אִין כִּיתָּה אוּן עֶר טֵיילְט עֶס פַאר זַיינֶע נָאנְטֶע חֲבֵרִים. אִיךְ בַּאקוּם אוֹיךְ דֶערְפוּן...! אָה, אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן דִיר צוּ זָאגְן וֶועגְן רוּבִי. עֶר מַאכְט זִיכֶער אַלֶעמָאל צוּ זַיין זֵייעֶר, זֵייעֶר מְסוּדְרְ'דִיג. זַיינֶע פֵּאוֹת זֶענֶען פוּנְקְטְלִיךְ גֶעדְרֵייט וִוי פְּלַאסְטִיק, אוּן עֶר טְרָאגְט גְלַאנְצִיגֶע עֶקֶעדִיגֶע בְּרִילְן. עֶר הָאט מִיר אֲפִילוּ דֶערְצֵיילְט אַז בִּיז עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט דִי בְּרִילְן, הָאט עֶר אָפְּגֶעזוּכְט זִיבְּן גֶעשֶׁעפְטְן (!) בִּיז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען עֶפֶּעס שֵׁיין אוּן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט אוּן סְ'הָאט אִים גֶעפַּאסְט..."

דֶער פֶּעטֶער שְׁמַעְיָ' הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל.

"הָאסְטוּ אוֹיךְ חֲבֵרִים אִין כִּיתָּה וָואס קֶענֶען מִשְׁנַיוֹת בַּעַל פֶּה, אָדֶער וָואס קוּמֶען פַארְטָאגְס לֶערְנֶען פַארְ'ן דַאוֶוענֶען?" הָאט שְׁמַעְיָ' גֶעפְרֶעגְט.

שְׁמֶעלְקֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַאמְלֶען: "עֶע... אִיךְ מֵיין אַז יָא. סְ'אִיז דָא אַלֶע מִינֵי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען לֶערְנֶען... בֶּאֱמֶת וֵייס אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ גְלֵייבּ אַז סְ'אִיז דָא... אָבֶּער אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעזֶען."

שְׁמַעְיָ' הָאט אַ קוּק גֶעטוּן אוֹיף שְׁמֶעלְקֶע מִיט אַן אֵיידֶעלֶע שְׁמֵייכְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט: "אוּן וָואס אִיז מֶער חָשׁוּב, קְלֵיידוּנְג פוּן חוּץ לָאָרֶץ אָדֶער פְלַייסִיג לֶערְנֶען פַארְ'ן דַאוֶוענֶען? אַ בִּינְטְל שְׁלִיסְלֶעךְ אָדֶער מִשְׁנַיוֹת בַּעַל פֶּה?"

סְ'קוּקְט אוֹיס, שְׁמֶעלְקֶע, אַז אַמָאל נַארְן אוּנְז דִי אוֹיגְן אָפּ, אוּן מִיר הֵייבְּן אָן צוּ קוּקְן אוֹיף קְלֵיינֶע גַשְׁמִיּוּתְ'דִיגֶע זַאכְן כְּאִילוּ סְ'אִיז מֶער וֶוערְד וִוי גְרוֹיסֶע רוּחָנִיּוּתְ'דִיגֶע עִנְיָנִים. מִיר דַארְפְן נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשְׁ'נְס עֶכְטֶע וֶוערְט, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע נַארִישֶׁע גַשְׁמִיּוּתְ'דִיגֶע מַעֲשִׂים. פּוּנְקְט וִוי דֶער בַּעַל תְּפִילָּה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט – אַז מְ'זָאל נִישְׁט מֶעסְטְן אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין גֶעלְט אוּן זַיינֶע מַלְבּוּשִׁים, נָאר לוֹיט זַיין דְּבֵקוּת אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן לוֹיט זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט צוּ דִי מִצְווֹת.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י״ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (2)

**וַיְהִי הַיּוֹם אוּן סֶע גִיוֶוען אַ מְדִינָה.** וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיוֶוען עֲשִׁירִים נָאר דָאס פִּירִיכְץ פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר מִיצַר.

**וָוארִין סֶע הָאט זִיךְ בַּיי זֵיי אַלְץ גִיפִּירְט וֶועדְלִיג דֶעם עֲשִׁירוּת.** אִיטְלִיכִינְס מַעְלָה אוּן אִיטְלִיכִינְס כָּבוֹד. אִיז נָאר גִיוֶוען וֶועדְלִיג זַיין עֲשִׁירוּת.

סֶע אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגִיזֶעצְט גִיוֶוען. אַז דֶער וָואס עֶר הָאט זַיין אֵייגֶענְס אַזוֹי פִּיל אֲלָפִים אָדֶער רְבָבוֹת (פִּיל טוֹיזִינְט) גֶעלְט. קוּמְט אִים דִי מַעְלָה אוּן דֶער כָּבוֹד.

**אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל אוּן אַזוֹי פִּיל גֶעלְט קוּמְט אִים אֵיין אַנְדֶערֶע מַעְלָה.** אוּן אַזוֹי אַלֶע מַעְלוֹת בַּיי זֵיי אִיז אַלְץ גִיוֶוען וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט גִיהַאט.

**אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל אוּן אַזוֹי פִּיל אֲלָפִים וּרְבָבוֹת.** וִוי אַזוֹי סֶע דָארְט בַּיי זֵיי אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶוען דֶער אִיז שׁוֹין אַ מֶלֶךְ.

**אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיהַאט פָּאנֶען.** אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט. אִיז עֶר אִין דֶער פָּאן. אוּן סֶע קוּמְט אִים דִי מַעֲלָה אוּן דֶער כָּבוֹד אִין דֶער פָּאן. אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט. אִיז עֶר אִין אֵיין אַנְדֶערֶע פָּאן. אוּן סֶע קוּמְט אִים דָארְט דִי מַעֲלָה אִין יֶענֶער פָּאן. אַלְץ וֶועדְלִיג זַיין גֶעלְט.

**אוּן סֶע בַּיי זֵיי אוֹיף אַלִימֶען אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶוען וִוִיפִּיל גֶעלְט עֶר זָאל הָאבִּין.** אַז עֶר זָאל הָאבִּין דִי מַעֲלָה אִין דֶער פָּאן. אוּן וִוִיפִּיל גֶעלְט עֶר זָאל הָאבִּין אַז עֶר זָאל שׁוֹין זַיין אִין אֵיין אַנְדֶערֶע פָּאן. אוּן זָאל דָארְט עֶפֶּעס הָאבִּין אֵיין מַעֲלָה. אוּן אַ כָּבוֹד.

**אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכְן מֶענְטְשְׁנְס כָּבוֹד אוּן גָאר זַיין מַעְלָה** אִיז אַלְץ גִיוֶוען רַק וֶועדְלִיג זַיין גֶעלְט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט. אַזוֹי וִוי בַּיי זֵיי אִיז אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶוען אוֹיף אִיטְלִיכֶער מַעֲלָה אוּן כָּבוֹד וִוִיפִּיל גֶעלְט עֶר בַּאדַארְף צוּ הָאבְּן.

**אוּן אזוֹי אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגִיזֶעצְט גִיוֶוען.** אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי פִּיל גֶעלְט. אִיז עֶר אַ גְלַאטֶער מֶענְשׁ. אוּן אַז עֶר הָאט אָבֶּער נָאךְ וֵוייגִיגֶער. אִיז עֶר שׁוֹין גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט. נָאר עֶר אִיז אַ חַיָּה אָדֶער אֵיין עוֹף. (דְהַיְינוּ דָאס אִיז נָאר אַ חַיָּה וָואס הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ מֶענְשׁ).

**אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת** דְהַיְינוּ אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי אַבִּיסִיל גֶעלְט אִיז דָאס נָאר אַ לֵייבּ דָאס אִיז אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶער לֵייבּ אוּן אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי אַבִּיסְל גֶעלְט אִיז עֶר נָאר אֵיין עוֹף.

**אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיהַאט אַנְדֶערֶע חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת.** וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט וֵוייִנִיג גֶעלְד. דֶער אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט בַּיי זֵיי. נָאר עֶר אִיז אַ חַיָּה אָדֶער אֵיין עוֹף.

**וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר דָאס גֶעלְט גִיוֶוען.** אוּן דִי מַעְלָה אוּן דֶער כָּבוֹד פוּן אִיטְלִיכְן אִיז נָאר גִיוֶוען וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט.

הָאט מֶען גִיהֶערְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין אַזוֹי אַ מְדִינָה.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זֵייעֶר אַ גְרוֹיסִין קְרֶעכְץ גִיטָאן דְרוֹיף. אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט וֶוער וֵוייסְט. וִוי הִין דִי דָאזִיגֶע קָאנֶען פַּארְגֵיין דוֹרְךְ דֶעם.

**הָאבִּין זִיךְ גִיפִּינֶען מֶענְשְׁן** פוּן זַיינֶע לַייט. אוּן הָאבִּין אִים גָאר קֵיין דֵיעָה נִיט גִיפְרֶעגְט אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיף

גִיהוֹיבִּין. און זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה אַז זֵיי זָאלִין זֵיי אַרוֹיס פִּירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי (דְהַיְינוּ דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) הָאבִּין גְרוֹיס רַחְמָנוֹת גִיהַאט אוֹיף דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט.

און בִּפְרַט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גִיזָאגְט. אַז זֵיי קָאנֶען נָאךְ וַוייטֶער פַארְפִירְט וֶוערִין. אִיבֶּער דֶעם זֶענֶען דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה. טָאמֶער וֶועלִין זֵיי קָאנֶען אַרוֹיס פִירִין זֵיי פוּן זֵייעֶרע נַארִישְׁקֵייט.

**די זֶענֶען גִיקוּמֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. און זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען מִן הַסְתָּם צוּ אַ קְלֵיינֶעם מֶענְשְׁן וָואס דֶער הֵייסְט בַּיי זֵיי אַ חַיָּה און זֵי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין. בַּאֲשֶׁר אַז צוּם אֱמֶת אִיז דָאס גֶעלְט גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. און דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר גָאט צוּ דִינֶען וְכוּ'.**

**און דֶער הָאט זֵיי גָאר נִיט צוּ גִיהֶערְט. וָוארִין סֶע אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַזוֹי אַיינְגִיוָוארְצִילְט גִיוֶועןאִין דֶער דֵיעָה אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דָאס גֶעלְט.**

**און אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט נָאךְ מִיט אֵיין אַנְדֶערִין. און עֶר הָאט אוֹיךְ זֵיי נִיט צוּ גִיהֶערְט. און זֵיי הָאבִּין מִיט אִים וַוייטֶער גִיוָואלְט שְׁמוּסִין.**

**הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זֵיי הָאבִּין מִיט אִים גִישְׁמוּסְט הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט) וַוייטֶער הָאבּ אִיךְ נִיט צַייט מִיט אַייךְ צוּ שְׁמוּסִין. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. פַארְוָואס. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט.**

**בַּאֲשֶׁר מִיר בַּאדַארְפְן אַלֶע אַרוֹיס פוּן דֶער מְדִינָה. אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה אַרַיין. וָוארִין מִיר הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר דָאס גֶעלְד.**

**אִיבֶּער דֶעם אִיז בַּיי אוּנְז גִיבְּלִיבְּן אַז מִיר זָאלִין גֵיין צוּ אַזוֹי אַ מְדִינָה וָואס דָארְט מַאכְט מֶען גֶעלְט.**

(דְהַיְינוּ סֶע אִיז דָארְט אַזוֹי אֵיין עֶרְד וָואס דֶערְפוּן מַאכְט מֶען גָאלְד און זִילְבֶּער). **אִיבֶּער דֶעם מוּזִין מִיר הַיינְט אַלֶע גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה.**

**און וִוידֶער אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן אַז זֵיי וִוילִין.** אַז זֵיי זָאלִין הָאבִּין כּוֹכָבִים און מַזָלוֹת אוֹיךְ (דְהַיְינוּ שְׁטֶערִין און מַזָלוֹת וָואס אִין הִימִיל) דְהַיְינוּ אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל און אַזוֹי פִיל גֶעלְט. וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבִּין דָארְט אוֹיס גִיזֶעצְט דְרוֹיף. דֶער זָאל זַיין אַ כּוֹכָב (דְהַיְינוּ אַ שְׁטֶערִין)

וָוארִין אַז עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט הָאט עֶר זִיךְ דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם שְׁטֶערִין וָוארִין דוּרְךְ דֶעם שְׁטֶערִין וַואקְסְט זִיךְ דָאס גָאלְד.

**וָוארִין וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין עֶרְד וָואס פוּן אִיר** מַאכְט מֶען גָאלְד. אִיז זִיךְ דָאס מַחְמַת דִי שְׁטֶערִין. וָואס דוּרְךְ זֵיי וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אֵיין עֶרְד וָואס פוּן אִיר מַאכְט מֶען גָאלְד. אַז דֶער מֶענְשׁ הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְד הָאט עֶר זִיךְ דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם שְׁטֶערִין. אִיבֶּער דֶעם אִיז עֶר אַלֵיין אַ שְׁטֶערִין (אַזוֹי הָאבִּין זֵיי אַלְץ גִיזָאגְט דִי מְדִינָה וֶועדְלִיג זֵייעֶר פַארְפִירְטְקֵייט אִין דֶעם גֶעלְד).

**און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גִיזָאגְט.** אַז זֵיי וִוילִין הָאבִּין מַזָלוֹת אוֹיךְ. דְהַיְינוּ אַז אֵיינֶער וֶועט הָאבִּין אַזוֹי פִיל און אַזוֹי פִיל גֶעלְט. וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבִּין דְרוֹיף אוֹיסְגִיזֶעצְט דֶער זָאל זַיין אֵיין מַזָל. און אַזוֹי הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט מַלְאָכִים אַלְץ וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט.

**בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן** אַז זֵיי זָאלִין הָאבִּין גָאטְן אוֹיךְ. אַז דֶער וָואס עֶר וֶועט הָאבִּין זֵייעֶר פִיל גֶעלְט אַזוֹי פִיל און אַזוֹי פִיל אַלָפִים וּרְבָבוֹת. וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבִּין דְרוֹיף אוֹיס גִיזֶעצְט. דֶער זָאל זַיין אֵיין גָאט. וָוארִין אַז גָאט גִיט אִים אַזוֹי פִיל גֶעלְד. אִיז עֶר אַלֵיין אַ גָאט.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פארהערן



## די צוועלעווטע מעשה - דער בעל תפילה (2)

**א. ווער האט געקענט זיין קעניג אין די מדינה פון עשירות?**

- ❑ ווער ס'האט געהאט אזויפיל אלפים ורבבות, וואס איז געווען ביי זיי אפגעמאכט אז פאר אזויפיל געלט איז מען א קעניג
- ❑ ווער ס'איז געווען זייער שטארק
- ❑ דער אייניקל פון ערשטן קעניג

**ב. ווער האט געהייסן א חי' אדער א עוף אין די מדינה?**

- ❑ ווער ס'האט זיך אויפגעפירט וואו א חיי אדער ווי א פייגל
- ❑ ווער ס'האט שטענדיג געוויינט צום אייבירשטן
- ❑ ווער ס'האט געהאט גאר ווייניג געלט

**ג. וואס האט דער בעל תפילה געזאגט אויף די מדינה פון עשירות?**

- ❑ ער האט זייער געקרעכצעט און געזאגט ווער ווייסט ווי זיי קענען נאך פארגיין דורך דעם
- ❑ ער האט גאר נישט געזאגט אויף זיי
- ❑ ער האט געזאגט אז זיי האבן מער נישט קיין האפענונג

**ד. מיט וועמען פון די מדינה של עשירות האבן די מענטשן פון בעל תפלה אנגעהויבן צו שמועסן?**

- ❑ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א שטערן
- ❑ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א חיי
- ❑ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א מלאך

**ה. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואלט אריבער צו א אנדערע מדינה?**

- ❑ ווייל ס'איז געווען דארט אסאך עשירים
- ❑ ווייל פון די ערד פון די מדינה מאכט מען גאלד און זילבער
- ❑ ווייל משנה מקום משנה מזל

**ו. וועלכע דרגות איז געווען אין די מדינה של עשירות?**

- ❑ שטערן, מזלות,
- ❑ מלאכים, גאטן,
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

ז. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**וויפל דרגות איז דער רבי מפרט - אז די מדינה של עשירות האבן געהאט, ר"ל?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (1)**

אין וויפל און וועלכע זאכן האבן עוסק געווען דער בעל תפילה מיט זיינע לייט חוץ לישוב?

**זִיבְּן זַאכְן, - תפלות, שירות, ותשבחות, ווידויים, תעניתים, סיגופים, תשובה**

דעם רבינ'ס **מעשיות**

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com